בעזרת השם יתברך

# פרק נז-נח

## • אחרי •

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

דער סדר פון השכמה אינדערפרי. - דער וואָס דאַווענט שמונה עשרה מיט פאַרמאַכטע אויגן אָדער פון סידור, וועט זוכה זיין צו זעהן די שכינה פאַר זיין פטירה - דער מענטש זאָל מתפלל זיין אַז ער זאָל זוכה זיין צו אַ לייכטן טויט אָן יסורים און אַז ער זאָל דעמאָלס האָבן אַ קלאָרן געדאַנק צו זאָגן ווידוי אויף אַלע זיינע עבירות. - דער מענטש וואָס איז דבוק אין דער תורה, איז באַהאָפטן אין דער שכינה אויך נאָך זיין פטירה. - קביעת עתים לתורה.

אַ תיקון אויף פגם הברית. - אַפילו אויב דער מענטש האָט פיל געזינדיקט, נעמט דער אויבערשטער אָן זיין תשובה, אויב ער לערנט תורה בהתמדה. - דער וואָס האָט ליב צו הערן דברי תורה אויף דער וועלט, וועט זוכה זיין צו הערן תורה פון דעם אויבערשטן אויף יענע וועלט, און אַ מעשה דערויף אין זוהר פון רבי יהודה און רבי יצחק. - מען דאַרף אָנזאָגן די בני בית מקיים צו זיין די מצוות פון דער תורה, און באַזונדערס צו זיין אָפגעהיטן אין די ענינים פון צניעות. - די ווייבער דאַרפן פאַרדעקן זייערע האָר.

# אינהאלט

## פון פרקים נ״ז - נ״ח


**א.** אין פרק נ״ז ווערט ערקלערט: דער וואָס דאַוונט שמונה-עשרה מיט פאַרמאַכטע אויגן אָדער פון סידור, וועט זוכה זיין צו זען די שכינה פאַר זיין שטאַרבן ..... ה

**ב.** אין הימל וואַרט מען און מען האָפט אַז דער מענטש זאָל אויפשטיין צו לערנען תורה און דאַוונען ..... ה

**ג.** דער וואָס איז געוואוינט צו דאַוונען פון מחזור אָדער פון סידור, זאָל זען דאַוונען פון דעם כתב און נישט אַרויסקוקן ..... ו

**ד.** דער וועלכער קוקט זיך אַרום אַהער און אַהין ביים דאַוונען און נידערט נישט אַראָפּ די אויגן צו דער ערד, וועט ער נישט זוכה זיין אַז די שכינה זאָל קומען צו אים פאַר זיין טויט ..... ו

**ה.** די שכינה רוט נאָר אויף דעם אָרט וואו מען לערנט תורה און אין זכות פון תורה לערנען שטייט די וועלט ..... ז

**ו.** די כבוד ירושלים חכמים און די נאַראָנים ברענגען אויף זיך שאַנד. ..... ח

**ז.** די שכינה זאָל קומען צו אים אין שטוב און אים בענטשן מיט גוטע ברכות ..... ח

**ח.** אין פרק נ״ח ווערט ערקלערט: דער וואָס האָט ליב צו הערן דברי-תורה אויף דער וועלט, וועט זוכה זיין

צו הערן דברי-תורה און דער קומענדיגע וועלט פון השם יתברך ........ ט

ט. ער זאָל לערנען תורה סיי פאַר זיך און סיי מיט אַנדערע ........ ט

י. דער וואָס האָט ליב צו הערן דברי-תורה אויף דער וועלט, דער וועט זוכה זיין צו הערן תורה אויף יענער וועלט פון השם יתברך ........ ט

יא. וואָס מער דער מענטש לערנט, אַלץ מער דערווייטערט ער זיך פון עבירות ........ י

יב. דיין תורה וואָס דו לערנסט איז בעסער פון גוטערער וויין ........ י

יג. רבי יהודה האָט אָנגעזאָגט אַלע תלמידים, מ'זאָל פאַר אים האָבן גרויס דרך-ארץ ........ יא

יד. אויף יעדן מענטש איז דאָ אַ פליכט צו באַווייליגן און טייער מאַכן די תורה פאַר זיינע קינדער און הויזגעזונד ........ יא

טו. יעדן הויז וואו מ'פירט זיך נישט בצניעות, געפינט זיך דאָרט די "לילית" ........ יב

טז. ברכות וועלן רוען אויף זיין קאָפּ און אַלע זיינע אברים וועלן זיין ריין און טהור אויף שטענדיק ........ יב

יז. אַ מורא'דיגע מעשה וואָס מען קען לערנען פון דעם אַ מוסר השכל וועגן די וויכטיגקייט פון זאָגען רשת קרבנות וקטורת יעדן טאָג. ........ טו

❖ ❖ ❖

# פרק נ"ז

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: דער וואָס דאַוונט שמונה-עשרה מיט פאַרמאַכטע אויגן אָדער פון סידור, וועט זוכה זיין צו זען די שכינה פאַר זיין שטאַרבן.

**א. כתב,** דער טור שרייבט (סימן א׳): דער מענטש זאָל זיך שטאַרקן ווי אַ לייב אויפצושטיין פרי צו דער דינסט פון זיין באַשעפער און זאָל זיין געוואָרנט צו וואַשן זיך ביי זיין בעט אין אַ כלי, צוליב אַראָפּנעמען דעם שלעכטן רוח וואָס געפינט זיך אויף זיינע הענט, ווי עס שטייט אין די ספרי מוסר. און זאָל נישט גיין פיר איילן אום געוואַשן.

## אין הימל וואַרט מען און מען האָפט אַז דער מענטש זאָל אויפשטיין צו לערנען תורה און דאַוונען

**ב. ואיתא,** אין זוהר ואתחנן (דף ר״ס עמוד א׳) שטייט אַז אין הימל וואַרט מען און מען האָפט אַז דער מענטש זאָל אויפשטיין צו לערנען תורה און דאַוונען, און אַז דער מענטש שטייט אויף פון זיין בעט צו לערנען תורה גייט פאַר אים אַן אויסרוף וואָס זאָגט דעם פסוק (תהלים קלד, א): "הִנֵּה בָּרְכוּ אֶת ה׳ כָּל עַבְדֵי ה׳ הָעוֹמְדִים בְּבֵית ה׳ בַּלֵּילוֹת" - בענטשט השם יתברך אַלע קנעכט פון השם יתברך, וואָס שטייען אין הויז פון השם יתברך ביי נאַכט. דערנאָך אַז ער גייט אין שול אַריין רופט מען אויס פאַר אים (זכריה ג, ז): "וְנָתַתִּי לְךָ מַהְלְכִים בֵּין הָעוֹמְדִים הָאֵלֶּה" - און איך וועל דיר דערמעגליכן צו גיין צווישן די שטייענדיקע מלאכים. דאָס איז אָבער ווען דער מענטש דאַוונט מיט כוונה און געבעט, ווי משה רבינו האָט געזאָגט (דברים ג, כג): "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳ וְגוֹ׳" - איך האָב זיך געבעטן ביי השם יתברך. און ער זאָל האַלטן זיינע אויגן אונטן פאַרמאַכט און דאָס האַרץ זאָל זיין אויבן.

## דער וואָס איז געוואוינט צו דאַווענען פון מחזור אָדער פון סידור, זאָל זען דאַווענען פון דעם כתב און נישט אַרויסקוקן

**ג. ומי,** און דער וואָס איז געוואוינט צו דאַווענען פון מחזור אָדער פון סידור, זאָל זען צו דאַווענען פון דעם כתב און נישט אַרויסקוקן פון דעם מחזור אָדער פון סידור, ווייל די שכינה שטייט אַנטקעגן אים און מען טאָר נישט קוקן אין דער שכינה און אין "ספרא רב המנונא סבא" (זוהר שם. דף ר"ס עמוד ב') שטייט אַז דער וועלכער עפנט זיינע אויגן ביים שמונה-עשרה דאַווענען אָדער דער וואָס נידערט נישט אַראָפּ זיינע אויגן ביים דאַווענען שמונה-עשרה, פאַר זיין טויט שטעלט זיך דער מלאך המות פאַר אים און לאָזט אים נישט זעהן די שכינה, (זוהר ח"א צח, א; רכו, א; ח"ג פח, א) ווייל פאַרן טויט איז יעדער מענטש זוכה צו זעהן די שכינה, און דער וואָס איז זוכה קומט די שכינה צו אים, און דאָס איז אַ גוטער סימן אַז ער זאָל וויסן אַז זיין נשמה וועט פון אים אַרויסגיין בנחת אָן יסורים, און אויב ער איז נישט זוכה קומט נישט די שכינה פריער, און ער ליידט גרויסע יסורים ווען זיין נשמה גייט אַרויס, ביז השם יתברך איז זיך מרחם אויף אים און שיידט אָפּ אַ טייל ליכטיגקייט פון דער שכינה צו אים כדי זיין נשמה זאָל אַרויסגיין.

## דער וועלכער קוקט זיך אַרום אַהער און אַהין ביים דאַווענען און נידערט נישט אַראָפּ די אויגן צו דער ערד, וועט ער נישט זוכה זיין אַז די שכינה זאָל קומען צו אים פאַר זיין טויט

**ד. אמנם,** דאָס איז אָבער נאָר נאָך דעם ווי ער האָט געליטן שווערע און ביטערע יסורים, און דערויף וואָרנט דער זוהר ואתחנן אַז דער וועלכער קוקט זיך אַרום אַהער און אַהין ביים דאַווענען און נידערט נישט אַראָפּ די אויגן צו דער ערד, וועט ער נישט זוכה זיין אַז די שכינה זאָל קומען צו אים פאַר זיין טויט, און ער וועט ליידן שווערע און ביטערע יסורים פון דער גסיסה, און אויף דעם דאַרף יעדער בעטן אַז זיין שטאַרבן זאָל זיין גרינג אָן יסורים, און זאָל שטאַרבן ביים פולן

זינען, ער זאָל קענען זאָגן ווידוי און זיך מתוודה זיין אויף אַלע זיינע זינד און ער זאָל קענען אויסשטעלן אַ צוואה צו זיינע קינדער ווי זיי זאָלן זיך אויפפירן נאָך זיין טויט, און אַז זיי זאָלן גיין אין גוטן וועג, ווייל דאָס איז אַ גרויסער זכות צו דעם מענטשן אויב ער שטאַרבט מיט זיין שכל און רעדט פאַר זיין טויט, ווייל נישט יעדער מענטש איז זוכה דערצו.

**ה. לכך,** דעריבער, בשעת ער איז נאָך געזונט, זאָל ער מתפלל זיין ער זאָל זוכה זיין די שכינה זאָל קומען צו אים, כדי אים ראַטעווען פון אַ מיתה חטופה, אַ מיתה משונה פון אַכזריות׳דיגע מיתות און אַ גרויסע רפואה דערצו איז, ער זאָל זיין ביי זיין לעבן באַהאָפטן צו תורה, ווייל דורך דער תורה וועט ער זיין באַהעפט צו דער שכינה פאַר זיין טויט, און זיכער נאָך זיין טויט, ווי עס שטייט אין זוהר ואתחנן (דף רס״ח עמוד א׳): רבי אחא איז אַמאָל אויפגעשטאַנען מיט רבי אלעזר האַלבע נאַכט און האָבן געלערנט תורה.

## די שכינה רוהט נאָר אויף דעם אָרט וואו מען לערנט תורה און אין זכות פון תורה לערנען שטייט די וועלט

**ו. פתח,** האט רבי אלעזר געזאָגט, עס שטייט אין פסוק (דברים ל, כ): ״כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ לָשֶׁבֶת עַל הָאֲדָמָה״ - די תורה איז דיין לעבן און פאַרלענגערט דיינע טעג צו זיצן אויף דער ערד וואָס השם יתברך גיט דיר. קום און זעה, די שכינה רוהט נאָר אויף דעם אָרט וואו מען לערנט תורה און אין זכות פון תורה לערנען שטייט די וועלט, אָבער אַז מען לערנט נישט קיין תורה שטייט אין פסוק (ירמיה ט, יא-יב): ״עַל מָה אָבְדָה הָאָרֶץ וַיֹּאמֶר ה׳ עַל עָזְבָם אֶת תּוֹרָתִי״ - וועגן וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן די ערד? האָט השם יתברך געזאָגט, איבער דעם וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט מיין תורה. האָט רבי אלעזר געזאָגט דער וואָס קען לערנען און לערנט נישט, איז גלייך ווי אַ אשה צנועה, אַ פרומע מיט מעשים טובים, און דער מאַן האָט איר פאַרלאָזט און טוט נישט ווי

ער איז פאַרפליכטעט פון דער תורה (שמות כא, י): ״שְׁאֵרָהּ כְּסוּתָהּ וְעֹנָתָהּ״ - איר געבן פרנסה, איר קליידן און וואוינען צוזאַמען. און די פרוי שרייט און וויינט אויף איר מאַן וואָס האָט איר פאַרלאָזט, אַזוי שרייט אויך די תורה אויף דעם וואָס קען לערנען און האָט צייט צו לערנען און וויל נישט, און פּלוצלונג קומט אויף אים דער גזר דין רחמנא ליצלן.

## די כבוד ירש׳נען חכמים און די נאַראָנים ברענגען אויף זיך שאַנד.

**ז. אדהכי,** דערווייל איז געקומען אַ מענטש צו זיי, האָט רבי אלעזר געזאָגט (משלי ג, לה): ״כָּבוֹד חֲכָמִים יִנְחָלוּ וּכְסִילִים מֵרִים קָלוֹן״ - די כבוד ירש׳נען חכמים און די נאַראָנים ברענגען אויף זיך שאַנד. עס מיינט, דער וואָס לערנט תורה איז זוכה זיך צו באַהעפטן צו דער שכינה וואָס זי ווערט אָנגערופן כבוד, און אַלע מלאכים פון הימל זיינען מלמד זכות אויף אים, אָבער אַז די מענטשן גייען אין שלעכטע וועגן, ווערן געבוירן פון זיינע שלעכטע מעשים פיל קליפּות, און זיי זיינען די שלעכט-זאָגערס אויף דעם מענטשן. אויף די מענטשן זאָגט דער פסוק, ״וּכְסִילִים״, עס מיינט די רשעים, ״מֵרִים קָלוֹן״ - זיי הויבן אויף דעם שאַנד, וואָס דאָס זענען די חיצונים, צו שלעכט זאָגערס אויף דעם מענטשן ביז זיי ברענגען אויף אים אַ שלעכטע גזירה.

## די שכינה זאָל קומען צו אים אין שטוב און אים בענטשן מיט גוטע ברכות

**ח. ועל כן,** דעריבער זאָל יעדער מענטש זעהן זיך אָפּגעבן צייט אויף צו לערנען, כדי אַז די שכינה זאָל קומען צו אים אין שטוב און אים בענטשן מיט גוטע ברכות, אמן.

❖ ❖ ❖

# פרק נ״ח

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: דער וואָס האָט ליב צו הערן דברי-תורה אויף דער וועלט, וועט זוכה זיין צו הערן דברי-תורה און דער קומענדיגע וועלט פון השם יתברך.**

**א. צריך,** דער מענטש דאַרף מתקן זיין די עבירה וואָס ער האָט מוציא זרע לבטלה געווען, ווי איך וועל שרייבן ווייטער אַ רעכטן תיקון. דעריבער זאָל ער זיך איילן תשובה טאָן, אפילו ווען ער איז דורכגעפאַלן פיל מאָל אין דער עבירה, פונדעסטוועגן איז השם יתברך אַ מלך רחמן און נעמט אָן די תשובה פון יעדע וואָס טוט תשובה מיטן גאַנצן האַרצן, און דער וועלכער פאַרלאָזט זיינע זינד ווערט פאַרגעבן, און מען גיט אים נאָך צו יראה און קדושה.

**ער זאָל לערנען תורה סיי פאַר זיך און סיי מיט אַנדערע**

**ב. נמצא,** קומט אויס, אַז דער וואָס טוט תשובה, טוט אויף צוויי זאַכן מיט דער תשובה: א) זיינע עבירות ווערן פאַרגעבן, און ב) ער ירש'נט עולם הבא. די תשובה דאַרף זיין, ער זאָל לערנען תורה סיי פאַר זיך און סיי מיט אַנדערע, און אויב ער קען נישט לערנען אַליין, דאַן זאָל ער קובע זיין צייטן צו הערן דברי-תורה, ווייל נאָכן טויט וועט ער נישט קומען צו קיין מדריגה למעלה, און דאָרט וועט ער זיך נישט אָפּגעבן מיט עסן און טרינקען און האַנדלען, נאָר מיט תורה לערנען.

**דער וואָס האָט ליב צו הערן דברי-תורה אויף דער וועלט, דער וועט זוכה זיין צו הערן תורה אויף יענער וועלט פון השם יתברך**

**ג. ומי,** און דער וואָס האָט ליב צו הערן דברי-תורה אויף דער וועלט, דער וועט זוכה זיין צו הערן תורה אויף יענער וועלט פון

השם יתברך, אָבער אויב דער מענטש פאַר'מיאוס'ט תורה הערן אויף דער וועלט, דאַן האָט ער נישט קיין שייכות אויף יענער וועלט, וואָרום דאָרטן לערנט מען דאָך נאָר תורה, וועט ער זיכער אַרויסגעשטויסן ווערן פון זיין אָרט אין גן-עדן.

קום און זעה וואָס שטייט אין זוהר פרשת שמיני (דף ל"ט עמוד א' - מ"א עמוד א'): רבי יהודה און רבי יצחק זענען געגאַנגען קיין צפורי, און אַ קליין קינד איז זיי נאָכגעגאַנגען מיט אַן אייזל וואָס דאָס אייזל האָט געטראָגן כלים מיט האָניג, האָט רבי יצחק געזאָגט צו רבי יהודה זאָגט אַן ענין אין תורה, און מיר וועל גיין ווייטער.

## וואָס מער דער מענטש לערנט, אַלץ מער דערווייטערט ער זיך פון עבירות

**ד. פתח,** האט רבי יצחק געזאָגט, עס שטייט אין פסוק (שיר השירים ז, י): "וְחִכֵּךְ כְּיֵין הַטּוֹב הוֹלֵךְ לְדוֹדִי לְמֵישָׁרִים דּוֹבֵב שִׂפְתֵי יְשֵׁנִים". "וְחִכֵּךְ כְּיֵין הַטּוֹב" מיינט מען די תורה וואָס זי ווערט אָנגערופן גוטערערער וויין, ווייל אַמאָל איז וויין נישט גוטער נישט פאַרן גוף און נישט פאַר דער נשמה, ווי באַלד אַ מענטש טרינקט פיל וויין דאַן טוט אים וויי דער קאָפּ, און עס מאַכט זיך אַז ער פאַלט דורך מיט אַן עבירה. פאַרקערט פון דעם איז די הייליגע תורה, וואָס מער דער מענטש לערנט, אַלץ מער דערווייטערט ער זיך פון עבירות, און לערנט דעם דרך פון יראה און ירשנט די וועלט און יענער וועלט, און נישט נאָר דאָס, נאָר ער וועט זוכה זיין צו דעם וואָס שטייט ווייטער "דּוֹבֵב שִׂפְתֵי יְשֵׁנִים", כאָטש ער וועט שלאָפן אין קבר, וועלן זיינע ליפּן זיך באַוועגן אין תורה.

## דיין תורה וואָס דו לערנסט איז בעסער פון גוטן וויין

**ה. אמר,** האָט דאָס קינד ביי זיי געפרעגט, לויט אייער פשט, פאַרוואָס שטייט "וְחִכֵּךְ" - און דיין גומען, דאָס מיינט, דיין תורה וואָס דו לערנסט איז "כְּיֵין הַטּוֹב" - ווי גוטער וויין. ווייזט דאָך

אויס אַז תורה איז געגליכן צו גוטער וויין און איר זאָגט דאָך אַז די תורה איז בעסער פון גוטער וויין, וואָלט דאָך געדאַרפט שטיין ״וְחִכֵּךְ מִיֵּין הַטּוֹב״ - און דיין תורה וואָס דו לערנסט איז בעסער פון גוטער וויין. האָט רבי יהודה צו אים געזאָגט: מיין זון, זאָג דיינע רייד ווייל דו זאָגסט ריכטיג. האָט דאָס קינד זיי געזאָגט ווער ס׳איז עוסק אין תורה און איז באַהאָפטן אין איר, און ווען ער לערנט תורה, איז עס אַ קלאָרע שפּראַך און אַ הויך קול, דער וועט זוכה זיין אויפצוהייבן זיין קול, ווען ער וועט אַוועקגיין פון דער וועלט. זענען געקומען ר׳ יהודה און ר׳ יצחק און האָבן אים געקושט אויף זיין קאָפּ און זיך געפרייט מיט אים. דער קינד האָט זיי דערציילט זיין סדר פון לערנען און האָט זיי אַנטפּלעקט געוואַלדיגע סודות און פאַרבאָרגענע זאַכן אין תורה.

## רבי יהודה האָט אָנגעזאָגט אַלע תלמידים, מ׳זאָל פאַר אים האָבן גרויס דרך-ארץ

**ו. אמרו ליה,** האָבן זיי אים געפרעגט ווי הייסטו? האָט דאָס קינד געזאָגט מיין נאָמען איז ייסא. האָבן זיי אים געזאָגט, ״רבי ייסא״ וועט זיין דיין נאָמען. נאך דעם האָבן זיי אים געזאָגט, לאָז איבער דאָס אייזל און קום מיט אונז. איז ער געגאַנגען מיט זיי. ווען דאָס קינד איז צוגעקומען צום בית-מדרש און איז אַריין אין בית-מדרש, האָט זיך רבי יהודה אויפגעשטעלט פאַר אים, און רבי יהודה האָט אָנגעזאָגט אַלע תלמידים, מ׳זאָל פאַר אים האָבן גרויס דרך ארץ, און רבי שמעון בן יוחאי האָט אויף אים געזאָגט (ירמיה א, ה): ״בְּטֶרֶם אֶצָּרְךָ בַבֶּטֶן יְדַעְתִּיךָ״ - איידער איך האָב דיך באַשאַפן אין דיין מוטערס בויך האָב איך דיך ליב געהאַט.

## אויף יעדן מענטש איז דאָ אַ פליכט צו באַוויליגן און טייער מאַכן די תורה פאַר זיינע קינדער און הויזגעזונד

**ז. והנה,** און פון דעם קען דער פאַרשטאַנדיקער פאַרשטיין ווי די פאַרצייטישע חכמים האָבן זיך צוגעבויגן צו הערן דברי-

תורה אפילו פון אַ קינד, און דאָס איז געווען ווייל זיי האָבן זייער ליב געהאַט די תורה און אויף יעדן מענטש איז דאָ אַ פליכט צו באַוויליגן און טייער מאַכן די תורה פאַר זיינע קינדער און הויזגעזונד, און זאָל זיי שטענדיק אָנזאָגן זיי זאָלן מקיים זיין די תורה און אירע מצוות.

## יעדן הויז וואו מ׳פירט זיך נישט בצניעות, געפינט זיך דאָרט די ״לילית״

**ח. ובפרט,** און ספּעציעל זאָל ער אָנזאָגן צו די ווייבער, זיי זאָלן זיך פירן בצניעות, על כל פנים מען זאָל נישט אַרויס זעען זייער אייגענע האָר ווייל צוליב דעם דאָזיגן זינד זענען זיי גורם קינדער זאָלן זיין אָרעם און פאַרשעמט ביי מענטשן, און אין יעדן הויז וואו מ׳פירט זיך נישט בצניעות, געפינט זיך דאָרט די ״לילית״, און טוט אָן שאָדן צו די קליינע קינדער חס-ושלום ווי אַרומגערעדט אין די פריערדיקע פרקים.

## ברכות וועלן רוען אויף זיין קאָפּ און אַלע זיינע אברים וועלן זיין ריין און טהור אויף שטענדיק

**ט. על-כן,** דעריבער, יעדער וואָס איז נכשל געוואָרן אין דעם זינד פון ״שמירת הברית״ רחמנא ליצלן, זאָל זיך שטאַרקן אין דברי-תורה און זאָל פאַסטן פיר מאָל דריי טעג נאָכאַנאַנד, דריי טעג. אין יעדער תקופה פון יאָר, און זאָל לערנען תורה, דאַן וועט אים פאַרגעבן ווערן, און ברכות וועלן רוען אויף זיין קאָפּ און אַלע זיינע אברים וועלן זיין ריין און טהור אויף שטענדיג.

❖ ❖ ❖